**Speaker 1:** אבער שיעורים איז יא יוניק, יעדער מין באקן דארף מען קוקן וואס איז די שיעור ביי יענץ. ביי ברויט האבן מיר געשמועסט, וויפיל ברויט הייסט א נארמאלע חשוב'ע? א שטיקל ברויט וואס איז גרויס ווי א גרוגרת.

וואס טוט זיך וואסער? וואס טוט זיך וואשן? מים וואס מ'איז מחמם, איז די שיעור **המחמם את המים כדי לרחוץ בהם אבר קטן**. עס נעצט אויס אז מחמם מים קוקט מען מער אן עפעס פאר צו וואשן ווי צו טרינקען. ער זאגט נישט א קליינע קאפ פון ווארעמע וואסער.

וויפיל? גענוג חשוב צו אפוואשן א קליינע אבר פון א מענטש.

**והשיעור במבשל סממנים**, אנדערש ווי מבשל מאכלים איז דאך כגרוגרת. ער זאגט טאקע נישט מבשל מאכלים, אויף א סתם אופן מבשל מאכלים איז כגרוגרת. מבשל סממנים איז וויניגער ווי גרוגרת, ווייל ספייסעס מאכט זיך א מענטש זאל קאכן א טראפעלע, ווייל ספייסעס איז גענוג א קליין טראפעלע פאר א גאנצע טאפ זופ, סאו ספייסעס איז אסאך וויניגער.

### דיסקוסיע: וואס מיינט סממנים?

**Speaker 1:** סממנים איז טייטש פעינט, זאכן וואס מ'נוצט צו פעינטן, אזוי זאגן אלע מפרשים מסתמא דא. אזויווי מ'לערנט ביי די קטורת. ניין, סממנים איז... אהא. ס'שטייט יוסף'ס סממנים. יא, ס'שטייט ביי רפואה, אבער דא רעדט זיך... דער רמב"ם זאגט אז די שיעור איז **כדי לצבוע בגד קטן**. קען זיין דער רמב"ם מיינט א געביידע, אדער סממנים פון... זאל דער רמב"ם... זאלן זיי מיר זאגן אז מ'קאכט עפעס וואס איז נישט פאר עסן, אדער פאר רפואה, אדער פאר... הייסט אז מ'קאכט פאר רפואה, מ'איז טוחן פאר רפואה. סממנים בד"כ מיינט מ'קאכט פאר... נו? פעינט. צו צובע זיין. אכטונג, ס'איז דאך דא רופט מען נאך סממנים.

**Speaker 2:** אקעי, על כל פנים, ווען מ'קאכט סממנים איז געווענליך... מ'עסט נישט די סממנים אזויווי ס'איז, אדער מ'נוצט עס נישט אזויווי ס'איז, מ'נוצט עס פאר עפעס, צו אנגרייטן פעינט, אדער צו אנגרייטן א מאכל, איז די שיעור וויניגער, **כדי שיהא ראוי לדבר שמבשלים לו**. וויפיל, לאמיר זאגן, איך גיי צוריק צו מיין, לאמיר זאגן אז סממנים מיינט ספייסעס, וויפיל פעפער דארף מען פאר צו ספייסן א זופ? מ'דארף גאנץ וויניג, אבער דאס איז גענוג חשוב פאר די ענין, ווייל סממנים איז א קליין ביסל דערפון איז חשוב. אדער לגבי פעינט, א קליין ביסל פון א שארפע פעינט איז חשוב. קען זיין מער, איך ווייס נישט, מ'דארף וויסן וואס די שיעור איז, איך ווייס נישט, ס'שטייט נישט דא ליגן די... איך מיין די ווארט איז וויניגער, אסאך וויניגער ווי גרוגרת. דו דארפסט נישט א גרוגרת פעפער, דו דארפסט א טראפ פעפער צו ספייסן א גרוגרת. קען אויך זיין אז גרוגרת איז נישט קיין... ס'איז נישט קיין חילוק, ס'האט נישט מיט די שיעור כגרוגרת. די שיעור האט נאר צו טון מיט פארוואס מ'מאכט עס, רייט? יא.

### הלכה ב' — הנותן ביצה בצד מיחם

### דער רמב"ם'ס לשון

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, וואס טוט זיך... די נעקסטע הלכה, הלכה ב', זאגט דער רמב"ם, וואס טוט זיך ווען געווענליך קאכן אדער באקן פארשטייט מען אז מ'לייגט עפעס אויף די פייער אדער מ'לייגט עפעס אין די אויוון. אבער וואס טוט זיך ווען מ'מאכט אויף אן אנדערע אופן אז ס'זאל ווערן שטארק הייס?

**הנותן ביצה בצד מיחם**, א ביצה האבן מיר שוין געלערנט קאכט זיך שנעל. אויב איינער לייגט א ביצה **בצד המיחם**, לעבן א מיחם, א כלי מיט וואס מ'הייצט אן הייס וואסער, ער טוט עס **בשביל שתתגלגל**, אז די איי זאל ווערן אביסל געקאכט, דאס וואס מ'רופט א לויזע איי, וואס ווערט... די סימן וויאזוי מ'ווייסט אז די איי איז שוין אביסל געקאכט איז אז ס'דרייט זיך א סארט וועג אנדערש ווי א רויע איי וואס דרייט זיך נישט, וועגן דעם רופט מען עס נתגלגל. ס'האט נישט קיין שייכות צו קאכן אז ס'זאל ווערן אינגאנצן הארט און אלעס. מ'האט סתם נישט גענוג א מיחם, בצד המיחם, אבער בצד המיחם איז גענוג אז ס'זאל מאכן די איי אביסל געקאכט **בשביל שתתגלגל. ונתגלגלה, חייב**.

### דיסקוסיע: וואס מיינט "בשביל שתתגלגל ונתגלגלה"?

**Speaker 1:** ער זאגט דא, די ווארט איז ווען ער האט עס געלייגט פאר דעם. אויב האט ער עס געלייגט ווייל ער וויל ס'זאל ווערן אינגאנצן געקאכט, און ס'איז נאר געווארן נתגלגל, האט ער נאכנישט געענדיגט די מלאכה וואס ער האט געוואלט. יא? ווייל ער זאגט דא "בשביל שתתגלגל ונתגלגלה". אויב ער האט עס נישט געלייגט בשביל שתתגלגל, איז נישט אנגעשען זיין כוונה. אויב א מענטש האט געוואלט אז די איי זאל ווערן אינגאנצן געקאכט און ס'איז נאר געווארן נתגלגל... ס'ארבעט אבער נישט אזוי. מיר האבן דאך געלערנט בפירוש, מיין איך אין א פריערדיגע פרק, וועגן אויב איינער איז מכוון פאר צוויי שיעורים און ס'ווערט א קלענערע שיעור, איז ער נאך אלץ חייב. סאו וואס איז די טייטש "בשביל שתתגלגל ונתגלגלה"? איך ווייס נישט, אפשר איז עס פראקטיש. אז דאס איז פארוואס נתגלגל מוז זיין, עפעס א בישול מוז געשען. אבער... אבער... בשביל שתתגלגל איז אויב ווען ער האט עס געלייגט אז ס'זאל נאר געקאכט ווערן נתגלגל.

אדער אפשר וויל ער זאגן אז ווען ער האט עס געלייגט אז ס'זאל ווערן נאר געקאכט בשביל שתתגלגל, גלגול החיים, אבער ער וואלט עס געלייגט אז ס'זאל ווערן מער געקאכט ווי דעם, וואלט ער נתגלגל געווארן נישט זיין

אנגענומען. דאס קען זיכער נישט זיין ריכטיג. ס'קען זיין פארקערט, אפילו נאר...

**הלכה א' (המשך): בישול בתולדות האור, תולדות חמה, וחמי טבריא**

**בישול בתולדות האור — "המבשל בתולדת האור כמבשל באור עצמו"**

### Speaker 1:

אויב א מענטש האט געוואלט אז די איי זאל ווערן אינגאנצן געקאכט, און ס'איז נאר געווארן נתגלגל, ס'ארבעט אבער נישט אזוי. מיר האבן עס געלערנט בפרוש, מיין איך, אין א פריערדיגע פרק, וועגן אויב איינער איז מכוון פאר צוויי שיעורים און ס'ווערט א קלענערע שיעור, איז ער נאך אלץ חייב.

סא וואס איז דער טייטש "בישל שיעור שתתגלגל"? איך ווייס שוין, אפשר איז עס פראקטיש. דאס איז פארוואס נתגלגל מוז זיין, עפעס א בישול מוז געשען. אבער... אבער... "בישל שיעור שתתגלגל" איז לאפוקי וואס? נאר וואס דען? אז ס'זאל ווערן אפגעקאכט? ווי... ווי... סא דו מוזט האבן ווערט נישט געקאכט? ווי... ווען ער לייגט עס אז ס'זאל ווערן נאר געקאכט נישט נתגלגל, ווען ס'איז נתגלגל איז ער חייב. אבער אויב וואלט ער עס געלייגט פאר א... אז ס'זאל ווערן מער געקאכט ווי דעם, און נתגלגל וואלט נישט געווען גענוג, דאס קען זיכער נישט זיין ריכטיג. ס'קען זיין פארקערט, אפילו נאר נתגלגל איז שוין... מ'קען זאגן אזוי, לאמיר פארשטיין די הלכה.

**דער חידוש פון די הלכה**

די שאלה איז, וואס איז די חידוש פון די הלכה? די הלכה, די חידוש איז אז נישט נאר אין די פייער, נאר די זייט פון די פייער, וואס מ'רופט תולדות האור, איז מען אויך חייב. אבער ס'קען אויך זיין אז ס'שטייט נאך א חידוש, אז ס'איז דא ווי א שיעור. וואס איז די שיעור? דער רמב"ם אליין זאגט ווי ער קאכט עס אין אזא... סא א ביצה, אפילו נתגלגל, הייסט אויך געקאכט. אפשר דאס איז נאך א חידוש וואס שטייט אין די הלכה.

אפשר איז עס סתם פראקטיש, אז ס'ווערט נישט געקאכט בצד החמה, ווייסטו, מלאכת מחשבת. און די לשון איז מיר עפעס א ביסל אינטערעסאנט.

**דער רמב"ם'ס לשון: "המבשל בתולדת האור כמבשל באור עצמו"**

אקעי. זאגט ער, פארוואס איז מען חייב אין אזא פאל? ער האט עס דאך נישט געלייגט אויף די פייער, ער האט עס נאר בסך הכל געקאכט דורך א זאך וואס איז הייס דורך די פייער. די ענטפער איז, **"המבשל בתולדת האור כמבשל באור עצמו"**. ווען איינער קאכט אין די תולדת האור, דאס הייסט די היץ וואס איז לעבן די טאפ, איז דאך שוין א סעקאנד-הענד, ס'איז שוין נישט די היץ פון די פייער. די פייער הייצט אן די טאפ, דער טאפ הייצט אן די ביצה. אבער להלכה איז דאך נישט קיין חילוק צווישן קאכן אויפן פייער אדער נישט קאכן אויפן פייער.

**הדחה בחמין — מליח ישן, כוליס האיספנין, דג דק ורך**

פאר די זעלבע סיבה זאגט ער נאך אן ענליכע הלכה, וכן, געוועגליך אויפוואשן עפעס מיט הייס וואסער קאכט נאך נישט, אבער א זאך וואס ווערט שנעל געקאכט, זאגט ער אזוי, **המדיח בחמין**, ווען איינער וואשט אפ, ער שווענקט אפ מיט הייס וואסער, **מליח ישן**, א זאך, למשל א פישל, איך ווייס נישט, א פישל אדער עפעס א זאך וואס מ'האט שוין געמאכט אז ס'זאל ווערן געקאכט דורך זאלצן, ס'איז שוין ראוי לאכילה דורך זאלצן, אבער מ'וויל עס יעצט אויפרישן, זאגט ער אז מ'נעמט א שטיקל פיש, מ'זאלצט עס אז ס'זאל זיך האלטן לאנג, און נאכדעם גיבט מען עס א וואש אפ מיט הייס וואסער אז ס'זאל באקומען אביסל א... ווערן אביסל אויפגעפרישט, ווערן אביסל געקאכט.

**או כוליס האיספנין**, אדער מ'קאכט אפ עפעס א סארט ספייס, וואס הייסט כוליס האיספנין? ער זאגט דאך אז ס'איז א פיש. נאך עפעס א פיש. נאך א הערינג אזא. נאך עפעס א פיש וואס קאכט זיך שנעל, **ודג דק ורך ביותר**, דאס איז א דינע, ווייכע פיש, וואס איז א הערינג, איך ווייס נישט. דער פוינט איז אז ס'ווערט געקאכט. וואס? דער פוינט פון דעם דק ורך מיינט צו זאגן אז ממילא איז עס גרינג צו קאכן. ווייל ס'קאכט זיך גרינג, ווערט עס מיט אביסל

חמין, א געווענליכע זאך מיט די לייכטסטע חמין ווערט נאך נישט געקאכט. אבער די זאך איז חייב, ווייל די זאך הייסט דאס איז געקאכט שוין. **די חסרון חמין זהו גמר בישולו**, דאס גיסן אויף דעם הייס וואסער, דאס איז די בישול.

**דער יסוד: שיעור בישול איז נישט איין כלליות פאר אלעם**

ס'איז דאך בישול קוקט מען נישט אייביג ווי סאך, כלליות, ס'זאל זיין איין שיעור פאר אלעם, נאר יעדע מאכל האט מען געקוקט אויף יעדע מאכל וואס ס'דארף ווערן אזאך בישול. א חילוק ווען מ'זאל זאגן, גיסן הייס וואסער אויף א מאכל איז נאך נישט גענוג, אבער פאר דעם מאכל איז עס גענוג, הייסט דאס בישול פאר די זאך, **וכן כל כיוצא בו.**

**דיסקוסיע: כלי שני אדער כלי ראשון?**

### Speaker 2:

סאו די חמין הייסט אז אפילו כלי שני אדער עפעס אזוי?

### Speaker 1:

ס'איז דאך אן ענדלאזע שאלה, ס'איז נישט קיין חילוק צו ס'איז א כלי ראשון אדער... די אחרונים ברענגען, זיי ווייסן נישט קלאר ווען ס'איז סטאפט, וואס איז עפעס וואס ווערט גרייט פון קאלטע וואסער איז נישט געקאכט, עפעס ווארעם דארף עס זיין, רייט? ס'איז נישט קלאר.

**אנאליז: תולדות אור און תולדות חמה — וואס איז דער גרעסערע חידוש?**

על כל פנים, סאו דא זעסטו אויך אז דאס איז ענליך צו די ביצה. ער זאגט אזוי, זעט אויס אז תולדות אור איז אויך, אבער תולדות חמה איז אויך דער צווייטער חידוש. דאס איז א גרעסערע חידוש. דאס איז זאכן וואס איז גרינגער. אויב א זאך, קענסט זאגן פארקערט, א זאך וואס ווערט נישט געקאכט בתולדות אור קיינמאל, עס דארף א גאנצע פייער, איז נישט עובר סתם אזוי, ווייל ס'ווערט נישט גארנישט. ס'איז דעם...

אדרבה, דער חידוש איז דאך אז תולדות אור איז א גרעסערע חידוש. דו קענסט זאגן אז ס'איז מער ווי תולדות אור, ס'איז אן אייניקל פון די אור, יא? ווייל דאס איז אויף די פייער און דאס טאטשט די זאך וואס איז אויפן פייער. דאס איז שוין נאכן אראפנעמען פון די פייער, דו גיסט די הייס וואסער.

דא איז דער צווייטער נקודה, אז ס'איז נישט פולקאם, איך ווייס נישט וויאזוי איך רוף עס, ס'איז אפילו נישט קיין קאכן, ס'איז נישט געווארן הארט, ס'איז א הדחה בחמין, זיגמאר בישול, ס'איז א קליינע פעולה, אבער דאס רופט זיך דער גמר בישול פון די סארט מאכל, עס קומט אזוי.

**דיסקוסיע: "דבר שאין בו ממש"**

אבער דבר שאין בו ממש, ווען מ'וועט זען מפרשים זאגן אז דער רמב"ם מיינט צו זאגן אז יעדע זאך וואס איז מוסיף הבל, אויב לייגט מען אריין א זאך וואס קאכט זיך שנעל, איז עס א דבר שאין בו ממש. איך ווייס נישט, ווייל די אלע זאכן וואס מ'האט אויסגערעכנט האט עפעס צו טון מיט פייער. דבר שאין בו ממש וואס האט בכלל נישט פייער, איז וועט מען זאגן אפשר אז מ'וועט טרעפן אנדערע וועגן צו קאכן.

### Speaker 2:

ניין, דבר שאין בו ממש מיינט אז ס'איז געווען אויף די פייער.

### Speaker 1:

ניין, נישט אויף די פייער, ס'איז א סארט חמין.

### Speaker 2:

ניין, תולדות, נישט די פייער, ס'איז זיך אנגעווארעמט פון א פייער, און מ'לייגט אויף דעם.

### Speaker 1:

שוין, יעצט אונז האבן געלערנט אז תולדות חמה איז... קיצור, אונז האבן דא געזען אזוי, אז קאכן מיינט דווקא קאכן מיט הייס, מיט היץ, מיט היץ פון פייער. ס'איז אן אינטערעסאנטע זאך, ווייל מ'קען זאגן אז פייער איז א מלאכה פון מבער, קאכן איז וויאזוי ס'ארבעט. אבער ס'זעט נישט אויס אזוי,

ס'זעט אויס אז קאכן וואס חז"ל רעדן איז קאכן מיט די כח פון היץ. אויב איינער קאכט מיט קעמיקאלס אדער מיט מייקראוועיוו, דארף מען וויסן.

**בישול בתולדות חמה — "המפקע ביצה בבגד חם או בחול שהוחם מחמת השמש"**

אבער די נעקסטע הלכה גייט זיין, וואס טוט זיך אויב איינער קאכט נישט מיט היץ פון פייער, נאר מיט היץ פון די זון. ער זאגט אזוי, **המפקע ביצה**, אויב איינער קלאפט אויף אן איי. מפקע מיינט ער נעמט ארויס, ער נעמט ארויס די איי פון די גיעט ווי ס'איז באהאלטן אין די שאלעכץ. ער קלאפט עס אויף **אויף א בגד חם**, אויף א בגד וואס איז הייס, **או בחול שהוחם**, אדער אויף די הייסע זאמד, **שהוחם מחמת השמש**, וואס איז הייס פון באקן אויף די זון. אבער בשעת נסיעה, אפילו ס'ווערט געבראטן אויף די וועג, די היץ פון די באגט חם אדער די חול ברותח, איז דער רמב"ם פוטר.

**דער חילוק צווישן תולדות האור און תולדות חמה**

פארוואס? לויט די פריערדיגע חשבון וואלט ער דאך געדארפט זיין חייב, ווייל ס'איז ממילא נישט ממש אויף די פייער. זאגט ער, אבער די פריערדיגע הלכה איז געווען, האט מען עס כאטשיג געקאכט תולדות אור, אין עפעס וואס איז געווארן הייס פון די זון, איך מיין, אנטשולדיגט, פון די פייער. אבער דאס איז געווארן הייס דורך די זון, תולדות חמה, אייניקלעך פון תולדות האש. דאס וואס ווערט הייס דורך די זון הייסט נישט תולדות האש, ער רופט עס נישט, ער קוקט עס נישט אן אזוי ווי ס'איז געקאכט אין פייער.

ממילא איז עס פטור, מ'איז נישט עובר מדאורייתא. אבער **גזרו עלייהו**, די חכמים האבן יא גוזר געווען מיט א תולדות האור, אזויווי מ'האט גוזר געווען אויף תולדות חמה, האט מען אויך גוזר געווען אויף תולדות אור.

**דיסקוסיע: וואס טוט זיך מיט חמה עצמה?**

דער רמב"ם האט אונז נאכנישט געזאגט וואס טוט זיך ווען ער קאכט נישט אין תולדות שמש נאר אין די שמש אליין. די זון באקט זייער שטארק, און ער לייגט עס אונטער די זון. איז דאס הייסט אז ס'איז אן הרבר, ווייל ס'איז נישט תולדות חמה נאר חמה אליין? אז מ'קען עס נישט ענדלען צו תולדות האש?

דער רמב"ם דארף זיין מותר. ער נעמט עס אזויווי ס'געשעט פון זיך אליין. די זון מאכט עס, דו האסט גארנישט געטון. ער לייגט עס. די פוינט איז וואס ס'שטייט דא איז אז א תולדות, תולדות חמה קען מען אויפטוישן מיט תולדות האש, און דערפאר האט מען גוזר געווען. אבער די חמה אליינס טוישט מען נישט אויס מיט די אש אליינס.

סאו דער רמב"ם ברענגט אבער נישט אז ס'איז מותר. אזוי דארף אויסקומען אז ס'איז מותר, ווייל ער זאגט נישט אז ס'איז אסור. אזוי געדענק איך, אבער ס'שטייט נישט דא בפירוש.

**בישול בחמי טבריא**

אקעי. יא. זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"וכן המבשל בחמי טבריא וכיוצא בהן הייסע וואסערן"**, און "כיוצא בהן" מיינט אין נאך אנדערע פלעצער, נישט נאר חמי טבריא, נאר וואו ס'איז דא הייסע קוועלער, איז אויך די זעלבע זאך, פטור. ס'איז פטור מדאורייתא, ווייל ס'איז בבחינת תולדות חמה, אדער תולדות נעיטשער, איך ווייס נישט, די בריאה מאכט אז ס'זאל ווערן הייס, פטור, אבער ס'איז אן איסור מדרבנן לכאורה פאר די זעלבע סיבה, וואס דאס הייסט אזויווי תולדות חמה.

**דיסקוסיע: איז חמי טבריא ממש תולדות חמה?**

די חמי טבריה ווערט נישט הייס פון די זון. איך ווייס נישט פונקטליך וויאזוי די נעיטשער ארבעט פארוואס געוויסע קוועלער זענען הייס, אבער איך דאונט טינק אז ס'האט צוטון מיט די זון. ס'האט צוטון מיט די זון?

**Speaker 2:**

לאמיר קוקן אין די גמרא וועגן די... דו ווילסט פרעגן דאס איין?

**Speaker 1:**

איך קען הערן אז די ווייטערדיגע מיט גוזל זיין משום תולדות, און מ'קאכט אין עני אנדערע מצב, אין עני אנדערע הייס וואסער וואס איז הייס פאר אן אנדערע סיבה, וועט מען זיך טועה זיין מיט תולדות... תולדות האש. אין א תולדה. אין א תולדה. ס'איז נישט די ווארט אז ס'איז זיכער אז חמי טבריה איז סייענטיפיקלי תולדות חמה. ס'איז א תולדות חמה, מ'קוקט עס אן אז מ'קאכט מיט די הייס וואסער, וועט מען קאכן מיט די הייס וואסער.

**הלכה ג: בישול אחר בישול / דבר שאין צריך בישול**

זאגט דער רמב"ם אזוי, אז קאכן מיינט א מאכל וואס איז נישט געווען גרייט און ס'ווערט גרייט דורך היץ. אבער **"המבשל אחר דבר שכבר נתבשל כל צרכו"**, אויב ס'איז שוין אינגאנצן געקאכט און ער מאכט נאר אז ס'זאל ווערן הייסער, **"או דבר שאין צריך בישול כלל"**, אדער א זאך וואס דארף בכלל נישט ווערן געקאכט און ער קאכט עס סתם אזוי, פטור, ווייל ס'איז גארנישט געשען קיין טשעינדזש אין די עסן לכאורה, יא? ס'איז גארנישט געשען קיין טשעינדזש, ס'איז געווען ראוי פארדעם.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "דבר שאין צריך בישול כלל"?**

**Speaker 2:**

דו ווייסט אן עקזעמפל פון א "דבר שאין צריך בישול כלל"?

**Speaker 1:**

דו מיינסט א זאך וואס איז שוין אינגאנצן געקאכט? א זאך וואס דארף נישט קאכן. אבער דארף דאך געוויסן, ס'איז דאך א וועג פון עסן א געקאכטע עפל, ווייס איך נישט. "דבר שאין צריך בישול כלל" מיינט אז ס'האט גארנישט אויפגעטון מיטן דאס קאכן, ס'איז גארנישט געטשעינדזשט.

**Speaker 2:**

למשל? א מאכל וואס איז שוין געקאכט, פארשטיי איך. דאס הייסט אויף אידיש "בישל אחר בישול", למשל?

**Speaker 1:**

יא. אבער וואס איז די טייטש פון "דבר שאין צריך בישול כלל"?

**Speaker 2:**

"דבר הנאכל כמו שהוא חי" רופט מען עס אין די...

**Speaker 1:**

יא, אבער ס'איז פרעגט א גוטע קשיא, אז איינער קאכט אן עפל, מ'קען עסן אן עפל רוי, אבער מ'קען עס עסן באופן קאמפאט. וואס זאל מען זאגן אז דאס הייסט נישט קאכן? לכאורה רעדט מען ווען ס'איז נישט געשען קיין טשעינדזש, און מ'קען נישט זען אויף דעם אז מ'האט עס געקאכט. אזויווי וואסער וואס מ'האט מיר געקאכט און ס'האט זיך אפגעקילט. וואסער איז... ס'איז יעצט צוריק קאלט.

**Speaker 2:**

ניין, ס'איז נישט נוגע, ווייל ווען מ'קאכט עס איז מען חייב.

**Speaker 1:**

אבער איך האב דא געזאגט אזא מין זאך... ווייס איך נישט, איך האב נישט קיין דינג אויף מיין קאפ יעצט. ס'סאונדט פאני, וואס קען ער טראכטן? ווייס איך נישט, ער קאכט אפ ארענדזש דזשוס.

**הלכה ג (המשך): פרטים בשיעורים ובמעשה הבישול**

**דיון: "נאכל שאינו צריך בישול כלל" — וואס מיינט דאס?**

**Speaker 1:** לכאורה רעדט מען ווען ס'געשעט נישט קיין טשעינדזש, מ'קען נישט זען אויף דעם אז מ'האט עס געקאכט. אזויווי וואסער וואס מ'האט געקאכט און ס'האט זיך אפגעקילט, איז יעצט צוריק קאלט.

**Speaker 2:** ניין, דאס איז נישט נוגע, ווייל ווען מ'קאכט עס איז מען מחייב.

**Speaker 1:** אבער אפשר גייט דאס אויף אזא מין זאך, איך ווייס נישט, איך גיי נישט קיין דינג אויף מיין קאפ יעצט. ס'סאונדט פאני, פון וואס קען

ער טראכטן?

**ביישפיל: אראנדזש דזשוס**

**Speaker 1:** איינער קאכט אפ אראנדזש דזשוס און ער גייט עס נאכדעם טרינקען. די אראנדזש דזשוס האט זיך גארנישט געטשעינדזשט, ס'איז נישט געווארן בעסער. אויב ער טרינקט עס יעצט הייס איז עס אזוויי הייסע וואסער.

**Speaker 2:** ניין, מ'רעדט נישט באופן וואס... אקעי, דעמאלטס האט ער דאך הנאה געהאט עפעס פון די... זאג מיר אן עקזעמפל פארוואס דו האסט גארנישט געמאכט קיין טשעינדזש. א זאך וואס די קאכן מאכט נישט קיין טשעינדזש אין די עסן.

**Speaker 1:** אראנדזש דזשוס, איינער קאכט אראנדזש דזשוס. אראנדזש דזשוס איז נישט בעסער אז ס'איז געקאכט, און ס'איז נישט געטשעינדזשט קיין טשעינדזש, ס'איז גארנישט געטשעינדזשט. ס'איז געווארןווארעם, מ'טאר נישט ווארעמען.

**Speaker 2:** ווארעמע וואסער איז אן אנדערע מין זאך ווי קאלטע וואסער.

**Speaker 1:** איך וואלט געטרונקען ווארעמע וואסער ווי קאלטע אראנדזש דזשוס.

**Speaker 2:** ס'איז דא מענטשן וואס האבן ליבער ווארעמע אראנדזש דזשוס, איך לייג צו אז זיי האבן ליבער נישט, איך בין נישט זייער סענט.

**Speaker 1:** איז נישט, אבער ס'איז נישט ערגער ווי וואסער, ס'קען נישט זיין.

איך ווייס נישט, וואס טייטש דא "נאכל שאינו צריך בישול כלל"? עפעס וואס מ'עסט עס רוי. איך ווייס נישט, איך טריי צו טראכטן פון וואס מ'רעדט. איך זע נישט דא קיין... איך בין מיסינג עפעס.

**ביישפיל: טיי**

**Speaker 2:** האסט געזאגט א גוטע זאך, טיי. לאמיר זאגן אויב איינער האט א מין טיי וואס דו קענסט עס ארייַנלייגן אין קאלטע וואסער און עס טרינקען, ס'ווערט זייער גוט, און דו קענסט עס ארייַנלייגן אין הייסע וואסער און טרינקען, ס'איז נישט קיין חילוק. "It so happens to be" ער האט געגאסן דערויף הייסע וואסער. איך וויל נישט פסק'ענען יעצט, איך דארף וויסן וועגן טיי. אבער ס'קען זיין אז דאס איז דאך שוין איינער צריך בישול כלל.

**Speaker 1:** יא, געווענליך טיי איז מען מתיר וועגן... ער מאכט זאלץ וואסער.

**ביישפיל: זאלץ וואסער**

**Speaker 2:** מ'קען מאכן זאלץ וואסער מיט הייסע וואסער אדער מיט קאלטע וואסער.

**Speaker 1:** אה, דאס וואלט דאך געווען א בעסערע עקזעמפל.

**Speaker 2:** יא, ביי טיי איז געווענליך זאגט מען אז ס'איז שוין געקאכט אדער נישט, דער רבי זאל האבן צו טון מיט די שאלה. אבער א זאך וואס די הייץ טוט נישט גארנישט. ס'טוט יא עפעס, דאס וואס מ'לייגט אריין די... אזוי ווי דו זאגסט, די זאלץ וואסער און די וואסער. אבער ס'וואלט געמעלטיד אן דעם אביסל שנעלער, אפשר.

**Speaker 1:** ניין, אקעי.

**פטור אבל אסור**

**Speaker 2:** איז פטור, פטור אבער פטור מיינט פטור אבל אסור. פון וואו ווייס איך פטור אבל אסור? ווייל זיי האבן דאך פריער געלערנט די סוגיא פון מצטמק ויפה לו.

**Speaker 1:** אה, דארט איז נישט געווען אן ענין א חשש שמא יחתה.

**Speaker 2:** אבער יעדע זאך וואס איז נישט געקאכט איז נאר אסור אלס שמא יחתה. ס'קען טאקע זיין פטור אבל אסור, ווייל אז ס'איז דאך דא עפעס א חשש, און עפעס איז דאך בעסער אויב ס'איז מצטמק ויפה לו, אויב ס'איז מצטמק נישט ויפה לו איז אפילו נישט דא. אבער וועגן דעם זאגט ער פטור, און מ'דארף טשעקן די ספעציפישע מציאות, יא, צו ס'איז דא עני חשש.

**הלכה: כמה שבישלו ביחד — מערערע מענטשן וואס קאכן צוזאמען**

**Speaker 2:** דא גייט דער רמב"ם אונז זאגן אן אינטערעסאנטע הלכה, א חידוש וואס איז דא ביי מלאכת מבשל. זיי האבן געלערנט פריער, אין איינע פון די ערשטע פרקים, אז ווען צוויי מענטשן טוען א מלאכה צוזאמען איז אזוי: אויב נאר איינער פון זיי האט עס געקענט טון אליין, הייסט דער צווייטער מענטש נאר א העלפער אין איין בוי ממש. דא גייען מיר זען אין א הלכה וואס האט צו טון מיט דעם, אזא סארט הלכה. זאגט דער רמב"ם, וואס בעיסיקלי די הלכה איז, אז קאכן האט אין זיך מערערע פעולות. ממילא, קענען מערערע מענטשן זיין חייב אויף די זעלבע פעולה פון מאכן עפעס קאכן.

**דער רמב"ם'ס ווערטער: כשכבר היה הקדירה על האור**

זאגט ער אזוי: **אחד נתן את האור**, איינער האט אנגעצונדן פייער, און דער צווייטער איז צוגעקומען, ער האט צוגעלייגט צו דעם עצים, ער האט צוגעלייגט האלץ אז די פייער זאל זיין בעסער. **ואחד נתן את הקדירה**, דער אנדערער מענטש האט נאכדעם ארויפגעלייגט אויף דעם די טאפ, און נאכדעם איז געקומען דער נעקסטער מענטש האט אריינגעגאסן וואסער אין די טאפ, און נאכדעם דער נעקסטער מענטש האט ארייַנגעלייגט פלייש אין די טאפ, **ואחד נתן את התבלין**, און איינער האט צוגעלייגט די תבלינים, די spices צו די פלייש וואס ליגט אין די טאפ. און ס'איז געקומען דער לעצטער מענטש **ויגיס**, און געמישט די טאפ. איז איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס מענטשן האבן דא געטון פעולות, אבער יעדע איינס פון די פעולות פעלט אויס. ווען ס'וואלט ווען איינער פון די מענטשן געפעלט, וואלט די טאפ נישט געווען קיין גוטע תבשיל, ס'וואלט זיך נישט מצליח געווען. אן די פייער, אדער אן די האלץ וואס זאל מאכן די פייער זאל ברענען לאנג, אדער אן די קדירה, יעדער איינער פון די האט געמאכט אז די תבשיל זאל קענען געשען. **כולם חייבים משום מבשל. כולם חייבים משום מבשל.** פארוואס? **שכל העושה דבר מצורכי הבישול הרי זה מבשל.** יעדער איינער וואס טוט א זאך מצורכי הבישול, איז ער הרי זה מבשל.

**דיון: פארוואס נישט חייב משום מבעיר?**

**Speaker 1:** דארף מען פארשטיין, די מענטשן זענען נותן את האור און אויך נותן את העצים, וואלטן זיי לכאורה געדארפט זיין חייב אויף מבעיר, מער ווי אויף מבשל, ניין? אדער אפשר אויף ביידע?

**Speaker 2:** פארוואס? לייגן איר מיינט ער לייגט א שטיקל... ער זאגט דאך ער ברענגט עס אז עס קאכט, אזוי הייסט עס, און ער לייגט עס אויף די פלאץ וואו מען דארף, אויפ'ן תנור. ער האט נישט אנגעצינדן א פייער.

**Speaker 1:** אפשר קען זיין אפילו אויב ער האט יא אנגעצינדן א פייער, ער האט אנגעצינדן א פייער אום צו קאכן, קען זיין אז ער איז חייב ביידע. ער ברענגט א ברענענדיגע זאך. אפילו אויב ער האט יא געטון מבעיר, קען זיין אז ער איז חייב שניים, למשל ביי חטאת וואלט ער געדארפט ברענגען צוויי חטאות, ווייל די הבערה דא איז א הכנה צו די קאכן.

**Speaker 2:** יא, סאו ער ברענגט טאקע אז רש"י טענה'ט אז דער נותן את העצים איז חייב משום מבעיר. אבער דער רמב"ם זעט נישט אזוי אויס. דער רמב"ם זעט אויס אז עס קען זיין אז מבעיר איז תלוי צי ער האט אביסל אנגעצינדן די פייער צי נישט. אבער דא, וויבאלד ער ברענגט עס צו די טאפ, איז דאס שוין א מבשל.

**Speaker 1:** סאו בייסיקלי וואס דער רמב"ם דא זאגט אונז איז אז ביי בישול איז שייך א יסוד אז צו קאכן א טאפ טשיקן סופ, אזוויי עס שטייט דא, קען מען נוצן מערערע מענטשן זאלן טון פעולות, און יעדער איינס פון זיי האט געטון א פעולה וואס עס פעלט אויס אז עס זאל ווערן געקאכט.

מה שאין כן למשל ביי זריעה, ארייַנלייגן א קערנדל אין די ערד, איז לכאורה נישט שייך. אי��נער טרעפט א וועג וויאזוי צען מענטשן זאלן זיין זורע,

ווייס איך נישט וויאזוי זיי וועלן זיין חייב, ווייל זריעה מיינט ארײנלייגן א קערנדל אין די ערד. דאס איז שנים שעשאוהו. דאס מיינט אז זיי טוען נישט די זעלבע פעולה.

#### דער צווייטער פאל: נתנו האור לבסוף

**Speaker 1:** איך וויל נאר זאגן ווייטער, דאס איז נאר אויב מען האט עס געטון באופן אזויווי ער האט געזאגט, אז דער ערשטער מענטש האט אנגעצינדן די פייער און אזוי ווייטער. אבער אויב האט מען געטון אנדערש, איינער האט קודם געשטעלט די טאפ אויפ'ן תנור, און די תנור איז נאך נישט אנגעצינדן. און איינער האט אריינגעגאסן וואסער, און נאכדעם האט איינער אריינגעלייגט די פלייש און בשר, און איינער האט אריינגעלייגט די תבלינים. דער לעצטער מענטש איז געגאנגען אנגעצינדן א פייער. איך וויל נישט זאגן אז ער איז דער לעצטער מענטש, נאר מ'איז געגאנגען איינער און אנגעצינדן א פייער. נאכדעם איז געגאנגען איינער און געלייגט האלץ אז די פייער זאל גוט ברענען. און נאכדעם איז געקומען איינער והגיס. ווער גייט דא זיין חייב? **נאר שניים אחרונים בפני עצמן**, נאר די לעצטע צוויי מענטשן זענען חייב. ווייל ווען א מענטש לייגט א ליידיגע קדרה אויף א קאלטע תנור, האט ער גארנישט געטון. איינער גיסט אריין וואסער אין א קאלטע טאפ, האט ער גארנישט געטון. איינער לייגט אריין א שטיקל פלייש אין א קאלטע טאפ וואסער, האט ער גארנישט געטון. און די זעלבע זאך ווייטער. ווען הייבט זיך אן טון? הייבט זיך אן טון איז פון ווען ס'איז דא אן ערנסטע פייערל. נישט ווען ס'איז אור, דאס דארף איך פארשטיין. אבער פון די עצים, את ליסט.

**Speaker 2:** ניין, איך וואלט אפשר געזאגט את ליסט פון די אור. אבער זעסט אז די אור איז נאך א קליינטשיגע פייער, פון די אור אליין קאכן וואלט געשען נאך גארנישט.

**Speaker 1:** יא, אבער ביי די פריערדיגע הלכה האבן מיר געזאגט אז יענער איז אויך חייב.

**Speaker 2:** אה, ווייל פון די מענטש וואס האט געלייגט די... אה, פארוואס די נותן את האור? נותן את האור איז די איינציגסטע זאך וואס איך בין נבוך. אבער מ'קען הערן, די איבעריגע קען איך הערן, ווייל איינמאל מ'גיסט אריין וואסער אין א טאפ וואס קאכט שוין, אדער וואס גייט שוין קאכן, וואס איז שוין אויפ'ן פייער, טוסטו עפעס א פעולה פון קאכן, אריינגיסן וואסער אין א ברענעדיגע טאפ.

דאס פארשטיי איך. אבער די אור דארף איך פארשטיין טאקע. אויב דו זאגסט אז די פייער איז נישט גענוג שטארק, די פייער אליין וואלט נאך נישט געקענט קאכן, איז פארוואס איז ער חייב?

**Speaker 1:** סא דער וואס האט געגעבן די אור זאל זיין פטור, און נאר דער וואס האט געגעבן די עצים זאל זיין חייב.

**Speaker 2:** אין די פריערדיגע פאל.

**Speaker 1:** אין די פריערדיגע פאל דארף ער זיין פטור.

**Speaker 2:** רייט. סא וואס איז די אינוועדיגע?

**Speaker 1:** פאר סאם ריזען, דארט איז אנדערש.

#### תירוץ: בבת אחת vs. בזה אחר זה

**Speaker 2:** איינער פון די מפרשים האב איך געזען זאגט אז די ערשטע פאל רעדט די רמב"ם ווען אלע טוען עס בבת אחת. זיי טוען א טיעם פלעי, זיי נעמען זיך צוזאם, יעדער איינער טוט א חלק פון די פעולה. קוקט מען אן אז ביי די ענד איז די ריזאלט געווען אז צווישן די אלע זעקס-זיבן מענטשן איז געווען א געקאכטע טאפ זופ, האבן זיי עס אלע געטון. ביי די צווייטע פאל רעדט מען ווען יעדער האט געטון זיין זאך אן קאארדינעישאן. און אין אזא פאל זעט מען אז נאר די לעצטע צוויי מענטשן האבן געמאכט אז ס'זאל עקטשועלי קענען געשען א זופ. ווייל אפילו דער נותן את האור, ווען נישט דער נעקסטער מענט קומט און לייגט עצים, וואלט זיך עס אויסגעלאשן, די אור וואלט גארנישט געקענט טון. אפילו נישט אויסגעלאשן, אבער ס'איז א קליינטשיגע פייערל, ס'וואלט נישט געקענט קאכן די טאפ זופ. מאכט סענס?

**Speaker 1:** איך הער, אבער ס'איז אן ענין וואס מ'דארף צולייגן א גאנצע געקומטער וואס שטייט נישט.

**Speaker 2:** יא, אבער די חילוק וואס איז חסר... יא, ס'איז אביסל אינטערעסאנט.

#### הערה: אור הייסט פייער

**Speaker 1:** אגב, ס'איז נישט קיין אור, אור איז לעכטיגקייט, אור איז פייער.

**Speaker 2:** אור כשדים.

**Speaker 1:** אור כשדים, אדער "באורים כבדו את ה'".

#### די שווערקייט מיט דעם חילוק

**Speaker 2:** יא, איך ווייס נישט. הייגוס איז פשוט, ווייל ס'איז שוין דא א פייער און ער מישט אויפ'ן פייער, אזוי ווי יעדער הייגוס איז חייב משום מבשל. אבער די נותן סאה על גבי עור איז אביסל אינטערעסאנט טאקע. די חילוק פון די... וואס וואלט געשטאנען ביי ביידע אז ער איז פטור וואלט געשטימט, אדער ס'שטייט ביי ביידע אז ער איז חייב. דאס אז דא איז עס אנדערש איז אביסל מאדנע צו מיר.

לאמיר אביסל מאריך זיין אין די פסק פון די עור. די עור אליין איז זייער שוואך אן די עצם נאכדעם. און די חידוש איז אז ווען מ'ארבעט יא אין קאארדינעישאן, דער ערשטער מענטש לייגט די עור און די אנדערע מענטש לייגט די עצם, איז אלעס איין גרויסע בישול. מה שאין כן ווען ס'איז נישט דא די... ס'איז אביסל א שווערע הלכה.

#### פטור אבל אסור אין צווייטן פאל

**Speaker 1:** שוין, אויך איז דאס אלעס נאר פטור, אמת? דאס הייסט מ'טאר דאס נישט טון. אדער מ'טאר יא? אן קיין קאארדינעישאן טאר מען. מ'מעג לייגן אן עור ליידיג אויפ'ן פייער. מ'רעדט זיך נישט דא פון א מענטש וואס טוט עס פאר ליידיג גיין. מ'רעדט זיך יא ווען ער צייכנט צו אז ער איז א מציל דבר האבוד, איך ווייס נישט וואס, לפני עור, ער וועט זיכער העלפן טון אן איסור. קען זיין אז ס'איז אן איסור משום רוי פלייש וואס איז בכלל מוקצה. איך מיין, ס'איז דא נאך סיבות פארוואס... אקעי. יא.

#### פרטים בדיני שיעור הבישול

**Speaker 2:** שוין, דא גייט אונז די רמב"ם געבן פרטים. ער האט געזאגט אז די שיעור פון בישול איז כגרוגרת. גייט אונז די רמב"ם געבן אין דעם פרטים פון די שיעור.

#### כגרוגרת בשנים או שלשה מקומות

זאגט די רמב"ם אזוי: **ניח בשר על גבי גחלים**, אויב איינער האט געלייגט פלייש אויף קוילן, **אם נצלה בו כגרוגרת**, אויב א שטיקל פון די פלייש, דארטן וואו ס'האט געטאטשט די גחלים, איז געווארן אפגעבראטן, **אפילו בשנים או שלשה מקומות**, אפילו ס'איז נישט אויף איין פלאץ א גאנצע שיעור כגרוגרת, נאר אין אנדערע פלעצער אויף די בשר, אלעס צוזאמען איז כגרוגרת, אפילו בשנים או שלשה מקומות, איז ער חייב ווייל ער האט געקאכט כדי שיעור.

#### נתבשל כולו חצי בישול

וואס טוט זיך **לא נצלה בו כגרוגרת, אבל נתבשל כולו חצי בישול**, די גאנצע פלייש איז געווארן אביסל געקאכט, אבער ס'איז נאך נישט ראוי צו עסן, ס'איז נאך חצי בישול, איז ער אויך חייב. פארוואס איז ער אויך חייב? א האלבע בישול איז הייסט מאכל בן דרוסאי, ס'איז שוין אביסל ראוי צו עסן. מ'דארף נישט נוצן די ווארט מאכל בן דרוסאי. חצי בישול, ס'איז שוין ראוי פאר געוויסע מענטשן צו עסן, אדער מ'קען שוין עסן בשעת הדחק, איז חייב.

**Speaker 1:** ס'הייסט אויף ענגליש "רעיר", ניין? מ'עסט דאך סטעיק אזוי, ווען ס'איז נאר האלב געבראטן.

**Speaker 2:** נו, אין לשון הקודש הייסט עס נא.

**Speaker 1:** קען זיין.

**Speaker 2:** נו. יא. אבער, נתבשל חצי בישול מצד האוכל, אבער אויב דער בשר איז געווארן נאר חצי בישול...

#### מבשל - המשך: שיעור חצי בישול (מאכל בן דרוסאי)

### Speaker 1:

האלבע בישול איז הייסט מאכל בן דרוסאי. ס'איז שוין אביסל ראוי צו עסן. מ'דארף נישט ניצן די ווארט מאכל בן דרוסאי, חצי בישול. ס'איז געווארן, ס'איז שוין ראוי פאר געוויסע מענטשן צו עסן, אדער מ'קען עס שוין עסן בשעת הדחק, איז חייב.

ס'הייסט אויף ענגליש "רעיר", ניין? מ'עסט דאך סטעיק אזוי ווען ס'איז נאר האלב געבאקן. נו, אין לשון הקודש הייסט עס "נא". קען זיין, יא. נו. יא.

#### חידוש: נתבשל חצי בישול מצד אחד

אבער נתבשל חצי בישול מצד אחד, אבער אויב די בשר איז געווארן נאר חצי בישול, אבער אויך נישט די גאנצע שטיקל בשר, נאר א קליינע שטיקל איז געווארן חצי, איך מיין, לאמיר זאגן אז א גרויגער איז געווארן חצי בישול מצד אחד, אבער נאר פון איין זייט, איז פטור, ווייל מ'קען עס נאך אלץ נישט עסן. קיינער גייט נישט עסן נאר פון איין זייט פון איין שטיקל פלייש. ווען ס'איז דא א שטיקל וואס דו קענסט דעם שטיקל אויסנעמען, דעם שטיקל איז שוין א שטיקל וואס איז גרויס גענוג, איז דעם שטיקל... איך וויל נישט זאגן אז דעם שטיקל איז קאנעקטעד צו אנדערע שטיקלעך פלייש וואס זענען נישט. אבער אויב איז נישט דא קיין וועג עס צו עסן, ווייל דו קענסט נישט צוטיילן די פלייש נאר פון איין זייט, ס'איז א דינע שטיקל פלייש, איין זייט יא און איין זייט נישט, ועסטו טאקע ווייסן.

אויב איז עס א דיקע שטיקל פלייש און ס'איז נתבשל חצי מצד אחד, אויב איז עס חצי און ס'איז נאר מצד אחד, גייט עס קיינער נישט עסן. אויב איז עס חצי די גאנצע, קען מען עס עסן. אבער צוויי חסרונות, ס'איז חצי און ס'איז מצד אחד, איז עס נישט קיין... אפילו אז דער מענטש עסט חצי בישול, גייט ער עס נישט עסן ווייל ס'איז נאר מצד אחד געקאכט. דער פרעסער בן דרוסאי וואס ער פלעגט עסן ווען ס'איז געווען האלב געקאכט, אזוי נידריג האט ער זיך נישט אראפגעלאזט. ניין, ער עסט גאנצע שטיקלעך פלייש, ער עסט נישט קיין... מיט א גאפל, ער עסט די גאנצע זאך פארדעם. איך מיין אז נישט. אברהם זכרונו לטובה.

### Speaker 2:

שוין. די נייע הלכה, פטור עד שיאפה כולו. פטור עד שי... ווען ווערט ער חייב? ווען ס'איז געווארן עט ליעסט האלב געקאכט, און מ'שניידט עס דאך דאן. אדער גרוגרת פולי. יא. ס'איז אן עקסטערע... מ'קען מאכן אן עקסטערע קעפל אין דעם.

#### הדביק פת בתנור בשבת - רודה פת

### Speaker 1:

מיר האבן פריער געלערנט אז פת, פארוואס איז גענוג אז איינער ווערט קריספי פון איין זייט, איז עס געענדיגט באקן? וואס טוט זיך? א מענטש האט פארגעסן אז ס'איז שבת, והדביק פת בתנור בשבת, ער האט אריינגעלייגט א פת בתנור בשבת. געוואלד געשריגן, וואס זאל מען יעצט טון? אויב נעמט מען עס ארויס, קען מען אים נאך אפראטעווען פון עבירה פון אפיה, פון ווערן חייב, אויב נעמט מען עס ארויס פון דארט נאך פאר ס'ווערט אפגעקאכט.

אבער ס'איז דא א פראבלעם, אפגעבאקן... ס'איז דא א פראבלעם, ס'איז דא אן איסור חכמים פון רודה זיין א פת, אזויווי מיר האבן פריער געלערנט, אז אויב מ'האט אריינגעלייגט ערב שבת, מעג מען נאר רודה זיין שיעור שלש סעודות, יא? ווייל רודה זיין א פת איז אן איסור. ס'איז נישט קיין גרויסע איסור, ס'איז א שוואכע איסור, ס'איז א חכם אמור מלאכה, אבער ס'איז דאך אן איסור. און וועגן דעם האבן מיר פריער געלערנט אז אויב מ'האט פארגעסן ערב שבת און ס'גייט ווערן פארברענט, מעג מען נאר אראפשניידן וויפיל מ'דארף פאר די סעודה, ווייל מ'האט עס אזוי מתיר געווען.

און דא רעדט מען פון אן אנדערע זאך, ער האט עס אריינגעלייגט בשבת, און ער וויל עס שנעל ארויסנעמען כדי ער זאל נישט עובר זיין אויף איסור סקילה פון אפיה.

#### דיון: איז דאס מקלקל?

אבער אפשר איז נישט ממש אזוי, ווייל ס'גייט דאך זיין א מקלקל, אויב גייט ער עס נישט ארויסנעמען, ער טאר דאך נישט ארויסנעמען, ער גייט דאך אויטאמאטיש זיין מקלקל, ווייל ער גייט לאזן די ברויט ווערן אויס פארברענט, ניין?

### Speaker 2:

סאו, קודם איז עס גארנישט געבאקן, ס'איז נישט מקלקל.

### Speaker 1:

פארוואס איז עס נישט מקלקל? אז ער האט עס אריינגעלייגט אין אויוון, ס'איז געווארן נאש, ס'איז געווארן פארברענט. וואס איז געווען פאר א רגע וואס איז געווען... דאס הייסט נישט מקלקל. אויב ס'איז נישט ראוי, איז פשט אז ס'איז נישט... ניין, איך קלער אז ס'איז נישט, ווייל מ'זעט דאך אז מ'האט מתיר געווען לרדותה קודם שתיאפה, פאר ס'ווערט אפגעבאקן, כדי ער זאל נישט עובר זיין א מלאכה.

### Speaker 2:

יא. דער רמב"ם זאגט נישט אז סתם אזוי טאר מען נישט, איך ווייס נישט. פריער אויך האט עס נישט געשטאנען קלאר. וואס איז געשטאנען פריער? דער רמב"ם האט נאכנישט אויסגערעכנט די סדר דרבנן, ער האט גערעדט שפעטער אז מ'רעדט פון די איסור פת איז אסור. פריער האט ער גערעדט אלס אן אנדערע ענין, פון אויב מ'האט יא אריינגעלייגט ערב שבת ווען מ'טאר נישט, מעג מען נאר רודה זיין באותו שיעור, פאר אנדערע וועט עס זיין גאנץ געבאקן, אלץ שבת קודם שיכלה וישרף, און נאכדעם מעג מען יא. רייט. סאו ס'איז נישט קלאר אז מ'טאר נישט בכלל. על כל פנים, דער רמב"ם, ביז דערווייל ווייסן מיר נישט אז מ'טאר נישט. אקעי. יא.

#### הלכה ט: תולדות מבשל

### Speaker 1:

סאו, זאגט די רמב"ם ווייטער, נאך תולדות. ביז אט די דא האבן מיר געלערנט די אב פון מבשל און מעין מבשל, ס'הייסט קאכן, באקן, ס'איז אלעס די זעלבע זאך. יעצט גייט ער זאגן תולדות מבשל.

זאגט די רמב"ם, **"המתך אחד ממיני מתכות כל שהן"** - ס'איז אינטערעסאנט, מתכות, ווען מ'מאכט מתכות איז עס די זעלבע לשון, מתך. ס'איז א שם מפעיל פון די שם הפועל מתכות. איך ווייס נישט. וואס ער מיינט ער רעדט, ער מאכט צוגיין, אמת? מתכות איז נישט צוגיין, ס'איז א זאך וואס קען צוגיין. יא.

אויב איינער מאכט אז סיי וועלכע מתכות זאל ווערן צולאזט, מ'קאכט אויף, אזוי ווי מיר האבן נעכטן געלערנט, ווען מ'קאכט אויף גאלד, ברעקלט מען אריין אביסל מתכות. אזוי ווען מ'קאכט אויף א מין מתכות אז ס'זאל ווערן ווייך, **"או הממם את המתכת עד שתעשה גחלת, או שעשה המתכת עד שתהא כחלת, הרי זה תולדת מבשל"** - ס'איז תולדות מבשל. ס'איז נישט מבשל אליין, געוועהנליך מבשל איז עסן. תולדות מבשל איז סיי וועלכע זאך וואס מ'האט א מעלה פון עס קאכן, פון עס הייס מאכן.

**"וכן הממסס את הדונג"** - דאס איז שעווה, יא? אקעי. **"או את החלב או את הזפת או את הפך ואת הכופר ואת הגפרית"** - דאס איז סאלפער, יא, סארטן קעמיקאלס וואס מ'מאכט אז ס'זאל ווערן צולאזט און מ'זאל עס קענען נוצן ווי אן אויל אדער איך ווייס נישט וואס. ער זאגט, **"הרי זה תולדת מבשל"**.

**"וכן כלי אדמה"** - כדי צו מאכן כלי חרס נעמט מען שטיקלעך אדמה און מ'קאכט און מ'באקט עס שטארק. **"האופה כלי אדמה עד שיעשו חרס, חייב משום מבשל".**

**כלל: מהו תולדת מבשל**

**"כללו של דבר"** - וואס טייטש מבשל? **"בין שריפה גוף קשה באש עד שנעשה רך, או שריפה גוף רך עד שנעשה קשה"** - איינער האט גענומען א ווייכע זאך און געמאכט צו ווערן הארט דורך אש, אזוי ווי כלי אדמה זאל ווערן חרס, אדער פארקערט, ער האט גענומען מתכת און ער האט געמאכט אז עס זאל ווערן רך, איז ער חייב משום מבשל, ווייל ער האט געטוישט די טעקסטשער פון א זאך אז עס זאל ווערן געטוישט דורך די כח פון בישול. דאס איז א תולדה.

**דיון: פארוואס הייסט דאס תולדה?**

## Speaker 2:

כח פון אש, דאס איז א תולדה, פארוואס? ווייל עס האט נישט קיין עסן. לכאורה, די עיקר אש איז ווען עס איז עסן, דאס איז די גאנצע חילוק, רייט? אדער אפשר איז דאס די זעלבע, די זעלבע אופן, מען באקומט די זעלבע עונש, נאר די חז"ל האבן אוועקגעשטעלט די ל"ט מלאכות ביי אופה און מבשל. איך וויל נאר האבן פארוואס דאס הייסט א תולדה, און פריער הייסט א... א מעין אותה מלאכה. יא.

**הלכה י: גוזז - אב מלאכה**

## Speaker 1:

אזויגער, יעצט גייען מיר אונז גיין צו די נייע קעטעגאריעס פון מלאכות, פון אנהייבן נעמען פון א חיה ביז ווען די חיה ווערט אנגעטאן צו א פארמעט, א ספר תורה. איז די ערשטע איז א... הגוזז. הייבט זיך אן מיט הגוזז? עס שטייט נישט פארדעם הצד? נישט פאר הגוזז?

## Speaker 2:

הצד צבי. און דא? קוק אין די פריערדיגע פרק.

## Speaker 1:

ניין, דאס איז נישט... דאס איז ווען מיר מאכן בגדים, אז דאס איז... אה, בגדים. אבער דאס טוט מען... וואס הייסט אים געזעהנגט? אנטשולדיג, נישט פארמעט. פארמעט כאפט מען א הערש, דארף מען זיין א הצדה. דאס טוט מען זיך מיט שטוב על החיים. מען נעמט די גדוה פונעם שטוב, און מען שעט אים אויף. דאס טוט מען זיך מיט באלעמעס בלייבן לעבעדיג. ברוך השם, דארף נישט זיין אנגעצויגער. דער ווילער ובלייבט לעבעדיג. אה, גערעכט. הויט, דארף מען א טויטע ביים. עס זיך גרויסע יסורים ארויף שלעפן הויט. א פעלט שניידט מען אפ. האר שניידט מען אפ. אהם.

**הגוזז - פשט המלאכה**

הגוזז. וואס פאר מען מאכט בגדים? דאס איז דער סדר פון מאכן בגדים. ער זאגט דער רמב"ם. וואס איז די אב מלאכה? א גוזז, צמר, אויסייער, איינער שניידט ער אפ וואל, אדער אנדערע סארט האר. ביימער א ביימער, ביימער א חיה. נישט קיין חילוק צווישן א לעבעדיגע חיה אדער א טויטע חיה, אדער ביימער, **"אפילו מן השלח שלהם"**. אפילו אז דו שניידסט עס אפ, אפילו ס'איז נישט פון אפגעשניטענע הויט, פון אן אפשניט אין די הויט, וואס דו האסט אפגעשנידן די גאנצע בוים, און יעצט דארף מען אפטיילן די צמר פון די דחסתות אדער וואטעווער ס'האט אין די הויט.

## Speaker 2:

ניין, די האר. די הויט, יא יא. די דחסתות איז די פארטס אדער וואס דו טרעפסט אין די האר אליינס. איך זאג, אפשניידן די האר פון די הויט אויף וואס ס'איז קאנעקטעד, יא יא, חייב.

**שיעור גוזז**

## Speaker 1:

דאס איז די אב מלאכה. **"וכמה שיעורו? כדי לטוות ממנו חוט שאורכו כרוחב הסיט כפול".** אויב האט מען אפגעשניטן גענוג צמר אדער וואסערע סארט וואל, וואס מ'קען פון דעם מאכן א קליינע פאדעם. וואס הייסט א קליינע פאדעם? וואס איז אזוי לאנג ווי א דאפלטע סיט. סיט מיינט וויפיל פלאץ ס'איז דא צווישן די ערשטע פינגער, די טאמב, און די נעקסטע פינגער, יא, די אצבע.

דער רמב"ם גייט עס זאגן. וויפיל איז די סיט? **"כרוחב הסיט כפול"**, צוויי מאל אזא סיט. וויפיל איז א סיט? **"כדי למתוח מן בוהן של יד"**, וויפיל ס'נעמט צו אויסשטרעקן פון די בוהן, די גראבע פינגער, **"עד אצבע שלפניו"**, ביז די אצבע, די צווייטע פינגער, **"כשפותח ביניהם כל כוחו"**, ווען מ'עפנט עס אינגאנצן אויף. און וויפיל איז דאס? **"והוא קרוב לשני שלישי זרת"**. דאס איז צוויי דריטל פון א זרת. א זרת איז די מיטלסטע פינגער. א זרת איז דריי טפחים. קיצור, ס'איז קרוב לשני שלישי זרת, צוויי טפחים בערך קומט עס אויס. און צוויי פון דעם איז פיר טפחים.

## Speaker 2:

זייער גוט. כורע, דאס איז די שיעור וואס מ'נוצט ווען מ'מאכט מיט פאדעם. וויניגער פון דעם הייסט שוין נישט קיין חשוב'ע פאדעם, דאס הייסט שוין א שיעור חשוב. יא. ס'איז נאך נישט קיין חשוב'ע ציפוי, אבער ס'איז גארנישט. מ'קען גארנישט טון מיט וויניגער פון דעם.

שיין.

**תולדה פון גוזז**

## Speaker 1:

